רעדאַקציע / מערכת
דב סדן, ישעיהו אברך
חוה טורניאַנסקי, חנא שמערוק
סעקרעטאַר / מזכיר
אַלכּסנדר שפּיגלבלאַט

ייִחוס פֿון ליד
יִחוּסו של שיר

לכבוד
אברהם
סוצקעווער

אַרויסגעגעבן פֿון יובל=קאָמיטעט
הוצאת ועד=היובל
תל=אביב 1983

BIBLIOTHÈQUE
MEDEM
52, rue
René-Boulanger
75010 PARIS
מעדעם-ביבליאָטעק
פּאַריז

אַבֿרהם סוצקעווער און פּױלישע פּאָעזיע: יוליוש סלאָוואַצקי אין דער פּאָעמע «צו פּױלן»

אַ. סוצקעווערס פּאָעמע «צו פּױלן» איז פֿאַרטײלט אין פֿינף פּרקים. יעדער פּרק ענדיקט זיך מיט אַ דיכטערישן ציטאַט. דער לעצטער אַקאָרד פֿון «צו פּױלן», דער סיום פֿונעם לעצטן פּרק —

„אָט אַזױ גײען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!"

— איז פֿון י. ל. פּרצעס די גאָלדענע קײט.

די ערשטע פֿיר פּרקים פֿון «צו פּױלן» חתמעט אַ טרױער־ציטאַט, װאָס חזרט זיך איבער אױף אַן אידענטישן אופֿן װי אַ רעפֿרען אין יעדן סיום פֿון די דאָזיקע פֿיר פּרקים. דער ציטאַט איז אַ פּױלישער:

Smutno mi, Boże!

דאָס איז אַ רעפֿרען־שורה פֿון יוליוש סלאָוואַצקיס אַ ליד. מיט דער הילף פֿון סוצקעווערס ערשטער שורה פֿונעם פֿינפֿטן פּרק פֿון «צו פּױלן» װאָלט די װערטערלעכע איבערזעצונג פֿון דער שורה געװען: „ס'איז מיר אומעטיק, גאָט מײַנער!" אױב דער רובֿ פֿון סוצקעווערס לײענערס האָט מן־הסתּם גלײַך דערקענט די פּרק־שורות צום סוף פֿון «צו פּױלן», זעט אױס אַז אױך בשעתו, װען די פּאָעמע איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט געװאָרן, האָבן בלױז באַהאַװנטע אין דער פּױלישער פּאָעזיע געקענט ניט נאָר אידענטיפֿיצירן די סלאָוואַצקי־שורה נאָר אױך באַנעמען אין דער פֿולער מאָס איר הינטערגרונט, אירע אימפּליקאַציעס און איר שליסל־פֿונקציע אין סוצקעווערס פּאָעמע. די װײַטערדיקע באַמערקונגען זענען אױסן אַרױסצוהעלפֿן דעם הײַנטיקן לײענער מיט דערמאָנונגען פֿון דעם שױן איצט װײַטלעכן היסטאָרישן פֿאָן פֿון «צו פּױלן» און אַנטפּלעקן אין דער פּאָעמע די שײַכותן מיט דער פּױלישער פּאָעזיע. אַ. סוצקעווערס שײַכותן מיט דער פּױלישער פּאָעזיע זענען גאָר אַ װאָגיקער ענין װאָס װאַרט נאָך אױף אַ ברײטער און גענױער פֿאָרשונג. איז כּדאַי זיך צו באַװאָרענען, אַז די איצטיקע באַמערקונגען אַרום «צו פּױלן» זענען ניט מער װי אַן אָנהײב פֿון אַ פֿאַרמעסט מיט דער דאָזיקער װיכטיקער, אָבער קאָמפּליצירטער טעמע.

אַבֿרהם סוצקעווערס «צו פּױלן» איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט געװאָרן אין יאָר

1948. פֿון זינט דעמאָלט און אין אַלע דרײַ איבערדרוקן פֿון «צו פּױלן» אין סוצקעווערס ביכער איז אױפֿגעהיט געװאָרן צום סוף פֿונעם ליד די דאַטירונג: „פּױלן, יולי־סעפּטעמבער 1946".[1] הײסט עס, אַז «צו פּױלן» איז געשריבן געװאָרן אַ קורצע צײַט אײדער סוצקעווער איז אַװעק פֿון פּױלן קײן פּאַריז אױפֿן װעג קײן ארץ־ישׂראל. דער איך פֿונעם ליד לאָזט זיך גאָר לײַכט און אָן קײן שום באַװאָרענישן אידענטיפֿיצירן מיטן פּאָעט אַלײן. װײַל «צו פּױלן» איז סוצקעווערס אַן אױפֿטרײסלענדיקע און אױפֿרודערנדיקע געזעגענונג מיט פּױלן נאָך די גרױלן פֿון די אומקומיאָרן און נאָך די גאָר ביטערע נסיונות פֿון די לעבן געבליבענע ייִדן גלײַך אין די ערשטע יאָרן נאָך דער צװײטער װעלט־מלחמה אינעם באַפֿרײַטן פּױלן. די באַצײכעניש „געזעגענונג" האָט סוצקעווער אַלײן געניצט אין די סיום־פֿערזן פֿון «צו פּױלן».

«צו פּױלן» איז סײַ אַ געזעגענונג און סײַ אַ פֿילזײַטיקער און װײטיקדיקער ייִדישער חשבון מיט פּױלן. און װי אינדיװידועל מ'זאָל ניט באַטראַכטן די אידענטישע דיכטערישע און ביאָגראַפֿישע דיקציע פֿונעם איך אין סוצקעווערס װערק, איז «צו פּױלן» אױפֿגענומען געװאָרן נאָך בשעת דער פּאָעט האָט די פּאָעמע געלײענט אין לאָדזש פֿונעם כּתבֿ־יד װי דער סאַמע אַדעקװאַטסטער אױסדרוק פֿאַר די פּײַנלעכע שטימונגען און געפֿילן, װאָס האָבן דעמאָלט באַהערשט גאָר אַ סך פֿון די לעבן געבליבענע ייִדן אין פּױלן. נאָכן קעלצער פּאָגראָם האָט די גרעסטע מערהײט פֿון די לעבן געבליבענע מער ניט געקענט זען קײן מעגלעכקײט צו בלײַבן אין פּױלן. מ'איז פֿון פּױלן אַװעק רעזיגנירנדיק פֿון פֿריִערדיקע דערװאַרטונגען און האָפֿענונגען, אַז אין פּױלן װעט מעגלעך זײַן נאָך דעם חורבן אױפֿשטעלן אַ ממשותדיקן און לעבנס־פֿעיִקן ייִדישן המשך.[2] «צו פּױלן» דאַרף דעריבער אױך באַטראַכט װערן װי אַ ביז גאָר װיכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט װאָס האָט אױף דער הײסער מינוט פֿאַרפֿיקסירט אױף אַ קינסטלערישן אופֿן די שטימונגען און די װידעראַנאַנדן פֿון אַ פּײַנלעכער תּקופֿה.

די װײטיקדיקע געפֿילן װאָס האָבן דעמאָלט באַהערשט די שארית־הפּליטה פֿון ייִדן אין פּױלן האָבן געהאַט אַ סך סיבות. װעגן אַ טײל פֿון זײ װעט נאָך װײַטער קומען צו רײד. צום שאַרפֿסטן האָבן זיך אָבער געפֿילט געטראָפֿן די אַלע װאָס האָבן ביז דער מלחמה געהאַט געפֿונען זײער װעג צו דער פּױלישער ליטעראַטור און קולטור ביז אינטימער נאָענטקײט, געזען אין פּױלן, װי סוצקעווער האָט עס פֿאָרמולירט אין דער ערשטער שורה פֿון זײַן פּאָעמע „די עלטערע שװעסטער פֿון הײמערד פֿון מײַנער", און דאָך געבליבן אָן סתּירות און אָן באַװאָרענישן געטרײַ דעם ייִדישן, דעם אײגענעם תּחום. דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון «צו פּױלן» איז טאַקע אין אַ גרױסער מאָס אַן אױסדרוק פֿון דעם איך װאָס איז הײמיש און נאָענט מיט דער פּױלישער פּאָעזיע און פֿון איר הײבט ער אָן זײַן ייִדישן חשבון מיט פּױלן. די ייִדישקײט פֿונעם חשבון װערט אינעם ערשטן פּרק אַרױסגעהױבן אַ דאַנק דעם קאָנצענטרירן זיך אױף ייִדישער ספּעציפֿיק אין דער פּױלישער פּאָעזיע.

סוצקעווער הײבט אָן מיט אַדאָם מיצקעװיטשן, ער דערמאָנט זײַן „זוניקן קװאַל

פֿאַן טאַדעוש", די באַרימטע פּאָעמע פֿונעם פּוילישן דיכטער אין וועלכער ער האָט פֿאַראייביקט דאָס יאַנקל־געשטאַלט פֿון דעם אַלטן ייִדישן צימבל־ווירטואָז און דעם געטרייַען פּוילישן פּאַטריאָט, פֿון די ערשטע פּאָזיטיווע ייִדן־געשטאַלטן אין דער פּוילישער ליטעראַטור.[3] אין הסכּם מיט די פּאָעטישע פּריאָריטעטן פֿון סוצקעווערס דור ווערט דאָ ווײַטער דערמאָנט דער פֿון דאָס נײַ אַנטפּלעקטער טיף־זיניקער און גאָר פֿײַנער פּוילישער פּאָעט ציפּריאַן נאָרוויד און זײַן ליד לכּבֿוד די פּוילישע ייִדן.[4]

פֿון פּוילישע פּאָעטן וואָס האָבן געשריבן וועגן ייִדן גייט סוצקעווער אַריבער אין זײַן ווענדונג צו פּוילן צו ייִדן, פּוילישע פּאָעטן, און זייער גאָר וואַגיקן צושטײַער פֿאַר דער פּוילישער פּאָעזיע:

[...] צי וואָלט דען ווי לעשמיאַן,[5] למשל,
באַזונגען אַ צווייטער דײַן בלימל, דײַן פֿראַשל?
די זון, וואָס דער אוונט צעבלאָזט אין פּמליות,
אַ לאַנקע דערטרונקען אויף יענער זײַט כוואַליעס
און ברעזעס, וואָס טאַנצן אין חלום ווי כּרובֿים?
פֿאַרמאַגסטו אַ צווייטן ווי יוליאַן בן טובֿים?[6]

און דאָך, ניט געקוקט אויף דער ייִדיש־פּוילישער פּאָעטישער געבונדנקייט, אַנט־פּלעקט זיך אין דעם שורן באַפֿרײַטן פּוילן "די וווּנדיקע סתּירה":

עס זענען דעם הפֿקר נאָך איבערגעענטפֿערט
די אָקערשט באַפֿרײַטע. זיי וואָגלען פֿאַרגאַלטע
און כאַפּן זיך אָן בײַ די שטידלען די אַלטע
פֿון זייערע היימען. [...]
כאַטש דערנער פֿאַרבײַטן די ברידער, די שוועסטער,
אין דײַנע פֿאַרשרפֿעטע, חרובֿע נעסטער.
נאָר אָנשטאָט מיט ברויט און מיט זאַלץ און מיט ליבע,
פֿאַרשטיי איך ביז הײַנטיקן טאָג ניט די סיבה
אַלמאַי זיי באַגעגנט גאָר זײַטלדיק־ביטער
דער פּאָליאַק, וואָס האָט דאָך געשמט פֿאַר אַ ריטער.

און ווי אַ המשך קומט דאָ ווידער אַ דערמאָנונג פֿון דעם "נבֿיא" — מיצקעוויטש[7] און זײַן פּרווו אין די פֿערציקער יאָרן פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט צו שאַפֿן "לעגיאָנען / פֿון פּוילישע ייִדן מיט פּוילישע פֿאָנען", וואָס האָבן געזאָלט קעמפֿן פֿאַר דער באַפֿרײַונג פֿון פּוילן.[8] סוצקעווער קומט צו מיצקעוויטשן מיט אַ טענה, אַלמאַי דער פּאָעט מיטן "נבֿיא"־טיטל איז געווען "בלינד, ווי אין טאָגליכט אַ סאָווע" און האָט ניט פֿאָרויסגעזען די פֿינצטערע צוקונפֿט פֿון די ייִדן אין פּוילן. די לעצטע צוויי שורות פֿונעם ערשטן פּרק באַשטייען ווידער פֿון אַ טענה און פֿון אַ שאלה,

פֿאַר וואָס מיצקעוויטשעס אייניקל פֿון 1946 האָט ניט באַרעכטיקט דעם פּוילישן פּאָעטס דערוואַרטונגען. די טענה גראַמט זיך צווייַשפּראַכיק מיט דער טרויעריקער סלאָוואַצקי־שורה ווי אַ פּמור־תּשובֿה:

טאָ וואָס איז געשען מיט זײַן אייניקל, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

דאָס צווייטע קאַפּיטל הייבט אָרויס די ייִדיש־פּוילישע "ברודערשאַפֿט" אויף די ווײַסל־ברעגן. די "ברודערשאַפֿט"־געפֿילן פֿונעם ייִדישן צד צו פּוילן זענען אַזוי ווײַט פֿאַרגאַנגען, אַז

די ליבשאַפֿט צום אייגנלאַנד האָט ער פֿאַרביטן
אין ליבשאַפֿט צו דיר און אין איינעם געליטן,
כאָטש ער האָט זיך כּלומרשט פֿאַראײַנדזלט באַזונדער.

די דאָזיקע באַציִונג איז אָבער אין תּוך געבליבן אָן אייגנזײַטיקע. דער ייִדישער צד האָט מיט דער ליבשאַפֿט צו פּוילן געלעבט און געליטן און זיך ניט דערוואַרט אויף קעגנזײַטיקייט פֿונעם צווייטן צד. ווײַל צוזאַמען מיט סוצקעווערן האָבן גאָר אַ סך פֿון די לעבן געבליבענע געגלייבט אין דער דאָזיקער "ברודערשאַפֿט" און געהאָפֿט, אַז "די מלחמה פֿאַרענדיקט /וועט זײַן אויך די פֿינצטערע שׂינאה געבענ־דיקט" און ס'וועט מעגלעך ווערן צוריק אויפֿצושטעלן אין פּוילן אַ ייִדיש לעבן און אַ ייִדישע היים:

די שטעט וועלן אָפּוואַקסן — ציגל אויף ציגל,
אַ שויב וועט אַ פֿאָך טאָן אויף ס'נײַ ווי אַ פֿליגל,
און גלײַך מיט די שטעט וועלן דור'לען זיך קינדער.

די שׂינאה איז אָבער ניט "געבענדיקט" געוואָרן. ענדיקט זיך ווידער אַ מאָל אויך דער צווייטער פּרק פֿון «צו פּוילן» מיט אַ טענה געפּאָרט מיט דער סלאָוואַצקי־שורה:

טאָ וואָס איז געשען מיט דער ברודערשאַפֿט, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

אינעם דריטן פּרק דערמאָנט סוצקעווער די ייִדן אין דער פּוילישער אַרמיי, וואָס זענען אומגעקומען אין קאַמף בײַם פֿאַרטיידיקן פּוילן אין סעפּטעמבער 1939 און וועסטערפּלאַטע און אין קוטנע. ווען די דײַטשן האָבן פּוילן פֿאַרקנעכט האָט אויך דער קרבן ניט געהאָלפֿן. דער דיכטער איז אָבער גרייט צו פֿאַרגעסן די אַלגעמיינע פֿײַנדלעכע באַציִונג צו ייִדן, וואָס האָט זיך אין פּוילן פֿאַרשטאַרקט דווקא בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע. ער געפֿינט פּוילישע זכותים, די פֿאַלן ווען פּאָליאַקן האָבן אײַנגעשטעלט דאָס לעבן און געראַטעוועט די גערודפֿטע און פֿאַרמישפּטע ייִדן:

פֿאַר מיר האָבן איינציקע העלפֿער און רעטער
אַריבערגעוויזן פֿיל טויזנט פֿאַררעטער.
אין זכות פֿון דעם איינציקן בין איך געקומען
דיך ווידער צו ליב האָבן מוכן ומזומן...

ס'שווימט אָבער אויף דאָס בילד פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אין דריטן "דער שיכּורער חוזק" פֿון די פּוילישע שכנים וואָס האָבן קוקנדיק אויף די געטאָ־פֿלאַמען געשפּאָט פֿון דעם אומקום פֿון די לעצטע "ווי זיי טוען זיך פּרעגלען". די דאָזיקע שורות פֿונעם דריטן קאַפּיטל פֿון «צו פּוילן» רופֿן זיך איבער מיט טשעסלאַוו מילאָשס באַרימטן ליד וועגן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ «קאַמפּאָ די פֿיאָרי» וואָס איז געשריבן געוואָרן גלײַך אין 1943סטן יאָר.[9] אָבער אַפֿילו נאָך דעם דאָזיקן אויפֿשוידערנדיקן בילד איז סוצקעווער נאָך אַלץ גרייט מלמד־זכות צו זײַן אַ דאַנק

אַ צענדליק פּאָליאַקן וואָס זענען ווי ברידער
געקומען אַליינוויליק, פֿול מיט פֿאַרמעסטונג
און העלדיש געפֿאַלן בײַם שיצן די פֿעסטונג.[10]

און דאָך אין 1946 שרײַבנדיק «צו פּוילן» האָבן געעקבערט די ספֿקות:

נאָר זענען כּאָטש יענע גיבורים דיר טײַער,
צי היטסטו דעם גײַסט פֿונעם וואַרשעווער פֿײַער?
וואָס האָט ער, אַ שטייגער, געלערנט דיך, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

דער סלאָוואַצקי־ציטאַט, וואָס דריקט אויס דעם טיפֿן טרויער פֿונעם איך אינעם סיום פֿון די ערשטע דרײַ פּרקים פֿון «צו פּוילן», קען און דאַרף אפֿשר באַנומען ווערן אויך אין סאַמע פּשוטסטן און דירעקטן זינען, ווי אַן אומפֿאַרמײַדלעך נאָגנדיק געפֿיל און לאָגישער אויספֿיר פֿונעם פֿריער געזאָגטן, און לאַוו־דווקא ווי אַ פֿילדײַטיקער ציטאַט פֿון אַן אַנדערן פּאָעטישן קאָנטעקסט. און כאָטש אויף פּויליש אין אַ ייִדיש ליד, קלינגט די שורה אין גראַמען־געפֿלעכט ווי אַ נאַטירלע־כער אָפּהילך פֿאַר אַן אויער וואָס איז געוווינט אין ביידע שפּראַכן. פֿאַרן רובֿ פֿון סוצקעווערס לייענערס אין 1946 און שפּעטער פֿאַר די וואָס האָבן דעם ציטאַט פֿאַרשטאַנען און געקענט זײַן מקור.[11] דער רעפֿרען, גענומען פֿון סלאָוואַצקיס ליד, איז אָבער אין סוצקעווערס «צו פּוילן» אַ סך מער ווי אַ ראַפֿינירטער באַנוץ מיט אַ פּוילישער שורה פֿון אַ באַרימטן פּוילישן דיכטער, וואָס הילכט אָפּ פּירפֿאַכיק אין אונדזער קאָנטעקסט, ווי ער וואָלט לכתּחילה געשאַפֿן געוואָרן צו דינען פֿאַרן טרויעריקן סך־הכּל פֿונעם ייִדיש־פּוילישן חשבון אין סוצקעווערס געזעגענונג מיט פּוילן. סוצקעווער האָט גוט געקענט סלאָוואַצקיס ליד און געבויט זײַן «צו פּוילן» אויף ברייטערע שײַכותן.

ביזן פֿערטן פּרק איז סלאָוואַצקיס נאָמען אין «צו פּוילן» ניט דערמאָנט אויף אַן אָפֿענעם און דירעקטן אופֿן. סוצקעווער איז מרמז אויף דעם פּוילישן דיכטער אינעם ערשטן קאַפּיטל ווען ער דערמאָנט "און ליב איז מיר אויך דער פּאָעט פֿון אַנהעלי". אַנהעלי איז סלאָוואַצקיס אַ באַרימטע פּאָעמע אין פּראָזע, וואָס איז געווען באַליבט אויך בײַ ייִדן.[12] נאָר אינעם פֿערטן פּרק ווערט סלאָוואַצקיס נאָמען בפֿירוש דערמאָנט. און אין שײַכות דערמיט ווערט אויך קלאָר דער פֿולער מיין פֿונעם סלאָוואַצקי־קאָנטעקסט אין סוצקעווערס ליד.
אינעם פֿערטן פּרק איז סוצקעווער ניט נאָר ממשיך זײַן פֿײַנלעכן חשבון, ער דערגייט דאָ אויך צו אויספֿירן. ס'קומען דאָ ווידער דערמאָנונגען פֿון ייִדנמאָרדן אין באַפֿרײַטן פּוילן און דער פּאָעט לײַדט און ווייטיקט פֿאַר פּוילן, ווײַל עס

צעפּרעסט מיך דער זשאַווערדיק טעמפּער בזיון
וואָס נאָך דער מלחמה עס ווידמענען, ראַיען
אַרום אונטער דײַנע פֿאַרשרפֿעטע דעכער
ווי גיפֿטיקע עקדישן — פּוילנס פֿאַרשווערכער.

ס'קען שוין מער קיין רייד ניט זײַן וועגן בלײַבן אין פּוילן, ווײַל אַפֿילו "בגוואַלד" זעט דער פּאָעט ניט קיין אויסבליק, אַז דער איבערגעבליבענער ייִדישער "צווײַג אין געוואַקל" זאָל אין פּוילן "כאָטש איין מאָל נאָך גרינען". לאָזט זיך אויס דער פֿערטער פּרק פֿון «צו פּוילן» מיט אַן אַנזאָג, אַז דער איך פֿונעם ליד וויל און וועט פּוילן איבערלאָזן:

און ווי בײַ סלאָוואַצקין אין פֿלאַמיקן הימען
בײַם זונפֿאַרגאַנג — רוישן אויך איצטער בוטשאַנען
און טראָגן אוועק מײַנע טרערן פֿון דאַנען
אין שקיעה. נאָר אים האָט געצויגן קיין פּוילן
און איך וויל שוין אָפּרוען ווײַט פֿון די גרוילן.
— בוטשאַנען, וואָס האָט איר געלאָזן מיך, וואָס זשע?
Smutno mi, Boże!

די דאָ ציטירטע שורות פֿאָדערן אַ גענויערע דערקלערונג אין ביידע פּאָעטישע קאָנטעקסטן.
יוליוש סלאָוואַצקי (1809—1849) איז אינעם נײַנצעטן יאָרהונדערט געווען איינער פֿונעם גדולים־דרײַלינג פֿון דער פּוילישער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטישער פּאָעזיע (צוזאַמען מיט אַדאַם מיצקעוויטש און זיגמונט קראַשינסקי). סלאָוואַצקי איז אַוועק פֿון פּוילן אין יאָר 1831 און נאָר אין 1848, ניט לאַנג פֿאַר זײַן טויט, נאָך באַוויזן צו קומען קיין פּוילן אויף אַ קורצן וויזיט. זײַן פּאָעזיע פֿון דער לאַנגער גלות־תּקופֿה איז פֿול מיט דירעקטע און אומדירעקטע בענקשאַפֿט־דערמאָנונגען פֿון זײַן ווײַטן היימלאַנד. אין יאָר 1836־1837[13] האָט סלאָוואַצקי זיך געלאָזן פֿון איטאַליע אויף אַ לענגערער נסיעה אויפֿן מיזרח. איר ציל איז געווען עולה־רגל

צו זיין קיין ארץ־ישׂראל, אין הייליקן לאַנד, צום געקרייציקטנס קבֿר. דעם 19טן אָדער דעם 20סטן אָקטאָבער 1836 האָט ער ביי די ברעגן פֿון אַלעקסאַנדריע אָנגעשריבן זיין ליד Hymn (הימען), פֿון וועלכן ס'שטאַמט טאַקע די שורה וואָס סוצקעווער האָט ציטירט אין סוף פֿון די פֿיר פּרקים אין זיין «צו פּוילן».

"דער פֿלאַמיקער הימען ביים זונפֿאַרגאַנג", ווי סוצקעווער באַצייכנט סלאָוואַצקיס ליד, איז אין תּוך אַ פּייערלעכע לירישע פּאַטעטישע פֿאָרעם מיט אַ בפֿירושער קריסטלעך־רעליגיעזער געבונדנקייט. טראַדיציאָנעל איז דער הימען אַ תּפֿילה־ און לויב־ליד צו גאָט. נאָך פֿאַר דעם הימען פֿון 1836 האָט סלאָוואַצקי שוין געהאַט פֿאַרברייטערט די מעגלעכקייטן פֿון דעם הימען־זשאַנער אין זיינס אַ ליד פֿון 1830, מיט דער זעלביקער זשאַנער־באַצייכענונג ווי אַ טיטל, וואָס איז אַ פּאַטריאָטישער רוף צום קאַמף, אָבער דורכגעפֿלאָכטן מיט רעליגיעזע תּפֿילה־מאָטיוון. דער הימען פֿון 1836 פֿון וועלכן סוצקעווער האָט ציטירט דעם רעפֿרען באַשטייט פֿון אַכט סעקסטינען. יעדער סטראָפֿע פֿון דעם ליד ענדיקט זיך מיט צוויי פֿאַרגראַמטע רעזומירנדיקע שורות. די לעצטע שורה פֿון די צוויי און פֿון דער סטראָפֿע איז Smutno mi, Boże!, וואָס אויך סוצקעווער האָט ציטירט אין זיין סיום־סך־הכּל אין דער פֿאָרעם פֿון אַ שאלה און כּמו־תּשובֿה אין סוף פֿון די פֿיר פּרקים פֿון «צו פּוילן».

סלאָוואַצקיס «הימען» איז ליריש־עלעגיש אין דער באַוווּנדערונג פֿון דער שקיעה אויפֿן ים, אָבער איינציַיטיק איז אינעם ליד קענטיק די בענקשאַפֿט פֿונעם דיכטער צו זיין היים, צו פּוילן, געבונדן מיט זיינע טויטשפּירונגען אין דער פֿרעמד. די בענקשאַפֿט־געפֿילן פֿונעם פּוילישן דיכטער ווערן מאַטעריאַליזירט אין דער פֿערטער סטראָפֿע פֿון דעם «הימען» ווען דער איך פֿונעם ליד דערזעט "אין דער לופֿטן אַ לאַנגע שורה פֿון פֿליענדיקע בוטשאַנען, וועלכע ער האָט אַ מאָל געקענט אויפֿן פּוילישן פֿעלד".[14] דאָס זענען די בוטשאַנען וועלכע סוצקעווער דערמאָנט אין די אויבן ציטירטע שורות פֿונעם פֿערטן פּרק פֿון זיין פּאָעמע. אין ביידע לידער פֿליען די בוטשאַנען פֿון דער זעלבער ריכטונג, פֿון פּוילן אין האַרבסט אין די וואַרעמע לענדער. פֿאַר סלאָוואַצקין דעם פֿאַרבענקטן צו פּוילן זענען זיי ביי די מיצרישע ברעגן אַ גרוס און אַ דערמאָנונג פֿון דער היים. אין סוצקעווערס «צו פּוילן» טראָגן זיי אַוועק דעם איכּס טרערן פֿון פּוילן. ווי סוצקעווער האָט עס פֿאָרמולירט, האָט סלאָוואַצקין "געצויגן קיין פּוילן". דער איך אין סוצקעווערס ליד וויל פֿון פּוילן אַוועק און "וויל זיך אָפּרוען וויַיט פֿון די גרוילן". ענדיקט סוצקעווער דעם פּרק ווידער מיט אַ טענה צו די בוטשאַנען וואָס זענען אַוועק און דעם איך איבערגעלאָזט אין פּוילן.

און לאָמיר דאָ נאָר באַמערקן, אַז ביים לייענער פֿון דער יידישער פּאָעזיע איז דאָ אויך אומפֿאַרמיידלעך די אַסאָציאַציע מיט ח. נ. ביאַליקס «אל הצפּור», כאָטש דער פֿויגל קומט פֿון ארץ־ישׂראל.

צוויי לידער, יוליוש סלאָוואַצקיס «הימען» פֿון 1836 און אַבֿרהם סוצקעווערס «צו פּוילן» פֿון 1946, רופֿן זיך איבער אין אויבנאויפֿיק פּאַראַדאָקסאַל פּאַרקערטע

ריכטונגען. דער ערשטער פֿאַרגייט אין טרויער נאָך פּוילן, דער צווייטער טרויערט ווייל ער מוז פּוילן איבערלאָזן. בשעת ער האָט דאָס ליד געשאַפֿן האָט זיך דער פּוילישער פּאָעט געפֿונען אויפֿן וועג קיין ארץ־ישׂראל.[15] סוצקעווער איז נאָך אין פּוילן, אָבער ער שרייבט «צו פּוילן» ווי אַ געזעגענונג, פֿאַר זיין נסיעה אויפֿן וועג קיין ארץ־ישׂראל. באַקומט אַזוי אַרום דער סלאָוואַצקי־אונטערטעקסט אין סוצקעווערס פּאָעמע נייע פּאַרטיפֿטע דימענסיעס אין אַ צוזאַמענשפּיל פֿון דער פּוילישער און יידישער פּאָעזיע צוזאַמען מיט זייערע ביאָגראַפֿישע דיכטערישע סוביעקטן.

סלאָוואַצקיס «הימען» איז ביזן הייַנטיקן טאָג איינס פֿון די סאַמע פּאָפּולערסטע לידער אין דער פּוילישער פּאָעזיע.[16] די רעפֿרען־שורה וואָס סוצקעווער האָט פֿיר מאָל ציטירט אינעם לשון פֿונעם מקור, האָט געקענט יעדער איינער וואָס האָט אַ מאָל געהאַט געלערנט אין אַ פּוילישער שול. מסתּמא איז שווער צו געפֿינען אַ מער פּאַסיקע פֿאַרבינדונג מיט דער פּוילישער פּאָעזיע פֿאַרן טרויעריקן היסטאָרישן געזעגענונג־קאָנטעקסט פֿון «צו פּוילן». מיט דער אַ שורה האָט זיך סוצקעווערן איינגעגעבן אַרויסצורופֿן אַלגעמיין גילטיקע אַסאָציאַציעס מיט אַ פּוילישן פּאָעט און מיט זיינער אַ וווּנדערלעכער שורה דווקא אין דעם גאָר וואָגיקן ווידעראַנגאַנד מיט פּוילן. די דירעקטע און דורכזעיקע אַסאָציאַציע דערגרייכט איר קולמינאַציע אינעם סיום פֿונעם פֿערטן פּרק, ווען דער סלאָוואַצקי־קאָנטעקסט באַקומט דעם פֿולן זינען.

□

דער לעצטער פּרק הייבט זיך אָן מיט דער יידיש־איבערזעצונג פֿון סלאָוואַצקיס רעפֿרען־שורה, ווי אַ המשך צום פּוילישן נוסח פֿון דער שורה אין סיום פֿונעם פֿערטן פּרק. אינעם לעצטן פּרק איז שוין אין גאַנצן קלאָר דער כאַראַקטער פֿון «צו פּוילן» ווי אַ געזעגענונג־אַקט. און ווידער באַקומט דאָ די סלאָוואַצקי־שורה איר דירעקטן זינען "ס'איז אומעטיק, גאָט מיינער!" דער איך דאַרף איבערלאָזן דעם עמק הבכא אין פּוילן און לאָזן זיך אין ווייטן וועג. דאָס יידישע "שוואַרצבערדיקע פּוילן" בלייבט אויף דער פּוילישער ערד "פֿאַרשטעמפּלט" אין קבֿרים אויף בית־עלמינס. דער איך וואַנדערט אין דעם פּרק איבער די בית־עלמינס פֿון קראָקע, לובלין און וואַרשע מיט אַ געפֿיל, אַז אין פּוילן וואָס ווערט פּאַקטיש פּוסט פֿון יידן וועלן די בית־עלמינס, דער ממשותדיקער זכר פֿון אַ לאַנגער און רומפֿולער יידישער טראַדיציע און געשיכטע, בלייבן פֿאַריתומט און פֿאַרשוועכט. רופֿט דער דיכטער אין ווייטיק:

— בית־עלמינס, בית־עלמינס, ווו זענען די רעטער?
ווו זענען די פֿעלדזן־געקנעטע טיטאַנען
וואָס זאָלן אויף זייערע פּלייצעס פֿון דאַנען
אַוועקטראָגן אייך איבער נאַכט דורך אַ כּישוף
און איינפֿלאַנצן דאָרט, ווו אַ יידישער יישובֿ
אויף ס'ניי ווערט געבוירן!

די פּאָעמע «צו פּוילן» ענדיקט זיך אויפֿן גענשער בית־עולם אין וואַרשע לעבן דעם פּרץ־אוהל, אַרום וועלכן ס'האָט זיך אויסבאַהאַלטן און געבליבן לעבן אַ געטאָ־ייִד. דער פּאָעט זעט אין דעם אַ סימן און אַן אָנזאָג אַז "די גאָלדענע קייט זאָל דאָ האָבן אַ שליטה" אויך ווען ייִדן וועלן פֿון פּוילן אַוועק. און ווי אַ דערוואַרטער המשך באַווײַזט זיך אין סוצקעווערס ליד די אויפֿשריפֿט אויפֿן אוהל, דער באַרימטער ציטאַט פֿון י. ל. פּרץ פֿון זײַן די גאָלדענע קייט: "אַזוי גייען מיר זינגענדיק, טאַנצנדיק..."

אַ דאַנק דעם דאָזיקן ציטאַט, וואָס קלינגט ווי ער וואָלט געווען דער היפּוך פֿון דעם סלאָוואַצקי־ציטאַט, ענדיק זיך «צו פּוילן», אפֿשר אַ ביסעלע אומדערוואַרט, מיט אַ האָפֿערדיקן אויסקלאַנג, וואָס שטייט אין בולטן קאָנטראַסט צום "אומעט" און צו "די גרוילן" וואָס באַהערשן דאָס גאַנצע ליד. ענדיקט זיך סוצקעווערס «צו פּוילן» מיט אַ ספֿק גדר, ספֿק האָפֿענונג, ספֿק נבֿואה:

און איך, וואָס אַהער בין געקומען כּדי צו
געזעגענען זיך — נעם אַרויף אויף מײַן פּלייצע
דעם אוהל און וואַנדער אַוועק מיט זײַן ניגון
וואָס גאָר די פֿאַרגאַנגעניש טוט ער צעוויגן
און וועט מיר אַ וועג אין די מאָרגנס פֿאַראַקערן:
— "אַט אַזוי גייען מיר,
די נשמות — פֿלאַקערן!"[17]

י. ל. פּרץ איז מן־הסתם געווען דער פּוילישסטער פֿון אונדזערע ייִדישע שרײַבערס.[18] זײַן אוהל, זײַן געשטאַלט און זײַנע שורות אין סיום פֿון «צו פּוילן», אין נאָענטער שכנות מיט די סלאָוואַצקי־שורות, ווערן ממילא אַ דעקלאַראַטיווער אָנזאָג אויף המשך אין דער נײַער־אַלטער היים. גאָר אויב מ'האָט אפֿשר געקענט פֿאַראיבל האָבן אין 1948, ווען די פּאָעמע איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן, און טײַטלען מיט ספֿקות אויף דער צוקונפֿט־מעגלעכקייט פֿון אַ המשך מחוץ די גרענעצן פֿון פּוילן, האָט סוצקעווערס ביאָגראַפֿיע זינט דעמאָלט באַרעכטיקט דעם נבֿיאישן סיום פֿון דער פּאָעמע. צו זײַן זיבעציקסטן געבוירן־טאָג קענען מיר מיט דער פֿולער זיכערקייט פֿאַרסך־הכּלען, אַז אַ דאַנק סוצקעווערן האָט די גאָלדענע קייט אַ שליטה. ניט ווייניק פֿון אונדזער אַלעמענס "פֿאַרגאַנגעניש" איז "פֿאַר־אַקערט" געוואָרן אין אונדזער הײַנט אין אַבֿרהם סוצקעווערס זכות.

הערות

1. צום ערשטן מאָל איז «צו פּוילן» געדרוקט געווען אין זאַמלביכער, ניו־יאָרק, באַנד 7, 1948, זז' 141—148. אין סוצקעווערס ביכער: ייִדישע גאַס, ניו־יאָרק 1948, זז' 157—165; פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, תּל־אָבֿיבֿ 1963, זז' 567—577; לידער פֿון ים־המוות, תּל־אָבֿיבֿ—ניו־יאָרק 1968, זז' 297—307. זען נומ' 403 אין אַ. נאָווערשטערן, אַבֿרהם סוצקעווער־ביבליאָגראַפֿיע, תּל־אָבֿיבֿ 1976. חוץ אינטערפּונקציע און אויסלייג זענען אין די איבערדרוקן פֿון «צו פּוילן» קיין ממשותדיקע שינויים ניט פֿאַראַן. די ציטאַטן וואָס ווערן דאָ געבראַכט זענען פֿונעם טעקסט אין לידער פֿון ים־המוות.
2. זען ישׂראל גוטמן, "היהודים בפולין לאחר המלחמה", ילקוט מורשת, חוברת לג (1982), זז' 65—102.
3. Adam Mickiewicz, *Pan Tadeusz*... Opracował Stanisław Pigoń, Wrocław — Warszawa — Kraków 1962, księga IV: "Karczma", w. 165—272; księga XII: "Koncert nad koncertami", w. 641—762 (s. 197—204, 556—562).
4. "Żydowie polscy", Cyprian Norwid, *Dzieła zebrane*. Opracował Juliusz W. Gomulicki. Tom I, *Wiersze*, Warszawa 1966, s. 476—477.
דאָס ליד האָט נאָרוויד אָנגעשריבן אין יאָר 1861 לכּבֿוד די וואַרשעווער ייִדן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין פּוילישע פּאַטריאָטישע דעמאָנסטראַציעס. זען וועגן דעם ליד אין די קאָמענטאַרן איבעם צווייטן באַנד פֿון דער אויבן דערמאָנטער עדיציע, זז' 620—623. סוצקעווערס באַקאַנטקייט מיט נאָרווידס דיכטונג און זײַן פֿאַרערונג פֿאַרן פּוילישן פּאָעט איז גאָר בולט שוין אין 1936 אין זײַן ליד «ציפּריאַן נאָרוויד». זען אין פּאָעטישע ווערק, באַנד איינס, זז' 68—74 און אין נאָווערשטערנס סוצקעווער־ביבליאָגראַפֿיע נומ' 61. וועגן סוצקעווערס אידענטיפֿיצירן זיך מיט נאָרווידן זען ל. פֿינקעלשטיינס רעצענזיע אויף לידער אין Nasz Przegląd פֿונעם 4טן יולי 1937. און אין שײַכות דערמיט איז כּדאַי דאָ צו ציטירן פֿון לעאָן באָומבערגס אַרטיקל "צום הײַנטיקן סוצקעווער־אָוונט", לכּבֿוד זײַן לידער־זאַמלונג וואַלדיקס, ווילנער טאָגבלאַט פֿונעם 27סטן פֿעברואַר 1940: "סוצקעווער איז אונטער אַ גרויסער השפּעה פֿון נאָרווידן, וואָס איז דער פֿאָטער פֿון דער נײַער פּוילישער דיכטונג. אין סוצקעווערס ערשטן באַנד [לידער] געפֿינען מיר שוין אַ ליד «ציפּריאַן נאָרוויד». מען געפֿינט אויך אין וואַלדיקס די סובטילע רעפֿלעקסיעס פֿון סטאַפֿן, די טיפֿע אוממיטלבאַרע דערלעבונג פֿון לעשמיאַנען...". לעאָפּאָלד סטאַף (1878—1957) איז צוזאַמען מיט באָלעסלאַוו לעשמיאַן (זען ווײַטער) געווען פֿון די גאָר בולטע פּוילישע ליריקער אין דער תּקופֿה פֿון יונג־פּוילן, אין אָנהייב יאָרהונדערט.
5. באָלעסלאַוו לעשמיאַן (Leśmian), פֿאַקטיש לעסמאַן (1878—1937) פֿון פּוילנס סובטילסטע נאַטור־ליריקער. כאָטש פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, איז אין זײַן שאַפֿן ניט פֿאַראַן קיין ייִדישע טעמאַטיק. זען וועגן אים אויך אין דער פֿריִערדיקער הערה.
6. יוליאַן טובֿים (1894—1953) — גרויסער פּאָעט, פֿילזײַטיקער שרײַבער און איבערזעצער, פֿון די גרעסטע מײַסטערס פֿון דער פּוילישער שפּראַך. כאָטש דורכויס אַסימילירט, האָט ער זיך גאַנץ אָפֿט אָפּגערופֿן אויך אויף ייִדישער פּראָבלעמאַטיק. אין דער חורבן־תּקופֿה, זײַענדיק אין אַמעריקע, אָנגעשריבן זײַן "מיר, פּוילישע ייִדן", אַ רירנדיקער און איינמאָליקער דאָקומענט פֿון זײַן דעקלאַראַטיווער ייִדישער אָנגעהעריקייט.

7. אין טעקסט בײַ סוצקעווערן נאָר "דײַן נבֿיא" — דאָ פּאַראַלעל צו דער פֿאַרשפּרייטער פּוילישער באַצייכענונג wieszcz, וואָס איז אין פּוילן גילטיק און פֿאַרשפּרייט לגבי מיצקעוויטשן. דער המשך (זען ווײַטער) וועגן די ייִדישע לעגיאָנען באַשטעטיקט די מיצקעוויטש־אידענטיפֿיקאַציע פֿון דעם גאַנצן אָפּ־שניט אין «צו פּוילן», כאָטש זײַן נאָמען ווערט דאָ בפּירוש ניט דערמאָנט.

8. וועגן מיצקעוויטשעס ייִדישע לעגיאָנען זען דאָס קאַפּיטל Legion żydowski אין: Jerzy Borejsza, *Sekretarz Adama Mickiewicza* (Armand Lévy i jego czasy 1827—1891). Wydanie II, Wrocław — Warszawa — Kraków — Gdańsk 1977, s. 126—175.

9. דאָס ליד איז אומעטום דאַטירט 1943, צום ערשטן מאָל, ווײַזט אויס, פּובליקירט אין דער אומלעגאַלער זאַמלונג אַרויסגעגעבן פֿון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע:
Z otchłani. Poezje. Wydawnitwo Z.K.N. Warszawa 1944; Michał Borwicz, *Pieśń ujdzie cało*..., Warszawa — Łódź — Kraków 1947, s. 282.
דאָרטן, זז' 121־122, דער פּוילישער מקור פֿונעם ליד.

10. דווקא ווײַל סוצקעווערס «צו פּוילן» האָט אויך אַ גרויסן היסטאָריש־דאָקומענ־טאַלן ווערט, איז דאָ כדאַי צו באַמערקן, אַז דער היסטאָריקער פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, ישׂראל גוטמאַן, איז גאָר שטאַרק מסופּק צי ס'איז בכלל אַ מאָל דערהויזן געוואָרן אַז "אַ צענדליק פּאָליאַקן", וואָס זענען געקומען צו הילף דעם אויפֿשטאַנד, זענען געפֿאַלן בשעת די קאַמפֿן אין געטאָ. זען: י. גוטמן, יהודי ווארשה 1939—1943, גיטו, מחתרת, מרד, תל־אָבֿיבֿ 1977, ז' 428.

11. זען למשל יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַבֿרהם סוצקעווער, זײַן ליד און זײַן פּראָזע, תּל־אָבֿיבֿ 1981, ז' 86.

12. אַנהעלי, די פּאָעמע אין וועלכער מ'האָט געפֿונען שײַכותן מיט ביאַליקס «מגילת האש», איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש דורך דניאל לייבל (אַרויס צוויי מאָל — אין תּל־אָבֿיבֿ 1929 און אין ירושלים 1961) און דורך שמשון מעלצער (תּל־אָבֿיבֿ 1978) מיט דבֿ סדנס אַ נאָכוואָרט. ס'זעט אויס, אַז אַבֿרהם סוצקעווער האָט געוווסט, אַז זיגמונט קראַשינסקי האָט גלײַך נאָך סלאָוואַצקיס טויט געזאָגט, אַז אויפֿן פּאָעטס קבֿר זאָל מען אָנשרײַבן: "דער מחבר פֿון אַנהעלי". זען אין לייבלס נאָכוואָרט צו דער עדיציע פֿון 1961, ז' סב. וועגן די מעגלעכע שײַכותן מיט ביאַליקס «מגילת האש», זען אין סדנס נאָכוואָרט, זז' 98—100.

13. אַלע דאַטעס און ביאָגראַפֿישע פּרטים וועגן סלאָוואַצקין לויט: *Kalendarz życia i twórczości Juliusza Słowackiego*. Opracował E. Sawrymowicz, Wrocław 1960.

14. אין פּוילישן מקור: Widziałem lotne w powietrzu bociany / Długim szeregiem. / Żem je znał kiedyś na polskim ugorze, / Smutno mi Boże!
ציטירט לויט: *Juliusza Słowackiego rym błyskawicowy*. Analizy i interpretacje..., pod redakcją S. Makowskiego, Warszawa 1980, s. 32.
וועגן סלאָוואַצקיס «הימען» זען וואַצלאַוו קובאַצקיס אינטערפּרעטאַציע, דאָרטן זז' 34—41; Juliusz Kleiner, *Juliusz Słowacki, dzieje twórczości*. Tom II, Wydanie III, Lwów — Warszawa — Kraków 1925, s. 114—117.

15. פֿון סלאָוואַצקיס נסיעה קיין ארץ־ישׂראל שטאַמט אויך זײַן באַרימטע פּאָעמע Ojciec zadżumionych, אַ דערמאָנונג פֿון זײַן קאַראַנטין אויפֿן וועג פֿון מצרים אין על־אַריש. אויך די פּאָעמע איז געווען זייער פּאָפּולער בײַ ייִדן. זי האָט זוכה געווען צו צוויי איבערזעצונגען אין העברעיִש: פֿון משה־דוד געשווינד, אבי

הנגפים, פּרעמיסלאַ תרמ"ג/1883 און פֿון טל (= טוביה לוין?) אבי מכי הדבר, ווילנה תרפ"ט / 1929. אין ייִדיש פֿאַרמאָגן מיר דרײַ איבערזעצונגען פֿון דער דאָזיקער פּאָעמע: פֿון יצחק טורקאָוו, דזשומע, וואַרשע 1926; פֿון ג. שאַיאַק, פֿון די פּאַרדזשומטע אין על־אריש, וואַרשע 1926; ל. פּאַפּיק, דער פֿאָטער פֿון פֿאַרפּעסטיקטע, בערעסטעטשקאָ (געדרוקט אין רמת־גן) 1939, (איבער־געדרוקט אין תּל־אָבֿיבֿ 1973). אויף ייִדיש זענען אויך איבערגעזעצט און פּובליקירט געוואָרן אין באַזונדערע אויסגאַבן סלאָוואַצקיס אין דער שוועיץ און לילאַ ווענעדאַ, זען: מ. צימליך, "ווערק פֿון פּוילישע שרײַבער אין ייִדיש", ליטעראַרישע בלעטער, נומ' 3 (506), פֿון 1934, ז' 44.

16. זען בײַ קובאַצקין, ז' 34. ס'איז פֿאַראַן אַ ספּעציעלע פּוילישע אַנטאָלאָגיע פֿון פּאָעטישע פּאַראַפֿראַזן און אַנדערע באַאַרבעטונגען געבויט אויף דעם ליד.

17. דער פֿולער קאָנטעקסט בײַ פּרצן: "און אַזוי! / אַזוי גייען מיר, / זינגענדיק און טאַנצנדיק... / מיר גרויסע, גרויסע ייִדן, / שבת־יום־טובֿדיקע ייִדן, / די נשמות פֿלאַקערן!" זען י. ל. פּרץ, אַלע ווערק, באַנד זעקס, דראַמאַטישע ווערק, ניו־יאָרק 1947, ז' 127.

18. זען: ח. שמרוק, ספרות יידיש בפולין, מחקרים ועיונים היסטוריים, ירושלים 1981, עמ' 241—273.